בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קמ"ד

יו"ל: ט"ו אב ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

א באהאלטענע גאוה

ווייס ווער דו ביסט!

מאך מיך נישט קיין אויסנאַם

ערוועקן די אוּר-אלטע שמחה

'עפעס' בלייבט

ס'רעדט זיך...

נישט רעדן צו א טאטן?!

זיך אונטערגעהערט זיין התבודדות...

סוחרים זאלן שרייען צום אויבערשטן?!

זיך הויבן אין דער לופטן!

'מריש כל דרגין עד סוף כל דרגין'

דער אנהויב אמונה!

דאס אייביגע פונק

אז דאס פינטעלע גיט זיך א דערוועק


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

(ארה"ק: 072-257-3456)



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #144**

בס"ד

# פרשת שמיני (ה"ב)

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 157#)

## א באהאלטענע גאוה

**רבי נתן האט געזאגט: "אויף פסח וועט זיין, ווי נעמט מען דעם פסח אליין?!".**

(ר' נחמן בורשטיין: ווען האט רבי נתן געזאגט דעם דיבור?) **דעמאלט ווען ס'איז נישט געווען אויף פסח.**

**וואס איז דער ווארט? אזוי טייער קאסט דאך מצות - און נאך?**

**עם וועט זיין!**

**יעדער איינער וועט עסן מצה, מען וועט נישט עסן קיין חמץ, מען וועט האבן ארבע כוסות, מען וועט האבן פלייש, מען וועט האבן פיש, מען וועט האבן פון אלצדינג. אבער 'ווי נעמט מען דעם פסח?!' ווי נעמט מען די מוחין פון פסח?! די קדושה פון דעם פסח אליין?! ווי נעמט מען דעם פסח 'אליין'?! ווי נעמט מען די קדושה פון פסח אליין?! דעם מח פון פסח?!**

**דער רבי זאגט אין דער תורה[א]: "יום טוב איז 'מוחין דאימא', 'מוחין פון בינה'" - אזעלכע געוואלדיגע לשונות. וואס איז דאס אבער? און ווי האט מען גאר שייכות צו אזעלכע אורות - צו אזעלכע ליכטיגקייטן? דער תירוץ איז, דורך די עצה פון דעם רבי'ן - רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אט דאס האט עפעס אזא מין כח, אז דאס מאכט אזא מין בדיקה 'בחורין ובסדקין', דאס רייסט שטיקער - 'געוואלד, 'דאס' טאר מען**

---

[א] ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ה.

דאך אויך נישט, און 'דאס' טאר מען דאך אויך נישט!' - אלעמאל ווערט א נייע מחאה, און א נייעס דעקט זיך אלעמאל אויף.

דער רבי זאגט דארטן אין "ספר המידות"[ב]: "עס איז דא א גאוה טמונה וואס איז באהאלטן אין דעם מענטשן וואס דער מענטש איז גאר קיין מבין נישט אויף דער גאוה!".

דער מענטש האט אין זיך אזעלכע מיני באהאלטענע זאכן וואס ער איז זיך מורה היתר, ער האט באהאלטן אין זיך אזעלכע מיני עוולות, מיט אזעלכע מיני פארקרומטקייטן, וואס ממש ער איז גארנישט קיין מבין, ער פילט עס גארנישט אינגאנצן.

דורכדעם וואס מען איז אַן עקשן אין דער זאך (פון התבודדות), און טאקע דורך חברים אויך - מען האט חברים, און מען רעדט פונעם רבי'ן, דאס האט עפעס אזא כח, אז ווען מען גייט אוועק - 'אוי, 'דאס' טאר מען דאך אויך נישט, 'דאס' טאר מען דאך אויך נישט!'.

דער געדאנק וואס דעקט זיך אלעמאל אויף, דאס איז דאך דער תכלית! דארטן איז דאך אלץ אמת! דארטן איז דאך נאר אמת! דאס וואס דעם מענטש האט זיך געדאכט דא - דארטן לאכט מען אים דאך אויס - 'וואו ביסטו געווען?!'.

מיט דעם כח פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אפילו כאטש אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן אלע טאג - האבן אזא קביעות, דאס אליין גיט מיך אביסעלע א רעיון אז איך זאל נישט זיין אזוי גראב[ג].

מען רעדט דאך, א חוץ וואס מען איז גראב אין די נארישקייטן איז מען דאך גראב אין דעם ישוב הדעת - אין דאס 'זיך אפנארן', איך מיין אז 'איך בין עפעס'.

---

[ב] עיין שם ערך גאוה אות י"ט.

[ג] עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י"א: וַאֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא, אַף עַל פִּי כֵן, **כָּל זְמַן שֶׁתּוֹלֶה עֵינָיו לַמָּרוֹם** וְשׁוֹמֵר וּמְצַפֶּה וּמַמְתִּין לִישׁוּעָתוֹ יִתְבָּרַךְ, **עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ יָחוּס וְיַחֲמֹל עָלָיו ה' יִתְבָּרַךְ** וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת וְיִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה.

# ווייס ווער דו ביסט!

חז"ל זאגן[ד]: "אפילו די גאנצע וועלט זאגט אויף דיר אז דו ביסט א צדיק (הֱיֵה בעיניך כרשע"). וואס מיינען חז"ל? אפילו מען וועט זאגן אויף דיר, מען וועט אויסמאלן אויף דיר - "דער איז אזוי, ער לויפט, ער פליט אין די עולמות" - דו זאלסט אבער וויסן ביי זיך ווער דו ביסט!

איך זאל נישט האבן דעם געדאנק: 'מסתמא אז די וועלט זאגט - - קענען דען טויזנטער אידן האבן א טעות?! ווי קען דאס זיין?! מסתמא, כאטש איך ווייס נישט - ווייסן זיי יא - זיי ווייסן בעסער, זיי זעהען עפעס אין מיר אז איך בין עפעס א מענטש! אז נישט - טויזענטער אידן זאלן האבן א טעות?!

- זאגן חז"ל, דו זאלסט גארנישט קוקן וואס די גאנצע וועלט זאגט אויף דיר, דו זאלסט וויסן ביי זיך ווער דו ביסט, די וועלט קען האבן א טעות אין א מענטשן, טויזענטער טויזענטער אידן, דו זאלסט וויסן ביי זיך ווער דו ביסט, דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן!

"אוי לו למי שעולם מטעין בו"[ה] - דער ווען די וועלט ברענגט אריין דער טעות אין אים, זיי מאכן אים זיך נארן, די וועלט מאכט אים נארן אז ער זאל מיינען טאקע ער מיינט...[ו]

---

[ד] נדה ל:

[ה] מרגניתא דבי רב (דרבי מאיר)

[ו] עיין 'בספה"ק אור המאיר" פר' חוקת מש"ש, וז"ל: ונראה בדרך צחות, אשר בכאן מוסר השכל לאנשים המתנשאים ומתפארים לקרותם בשם רבי, כאשר נוהג עתה בדור הזה, רבים הם עמי הארץ אשר לא ידעו בין ימינם לשמאלם, ועם כל זה קונים שם לעצמם שם רבי, ובארתי מאמרם ז"ל (במרגניתא דר' מאיר), **אוי לו למי שהעולם מטעים בו**, ולכאורה הענין תמיה: וכי מה חטא זה שהעולם מטעים בו, ראוי 'להם' לשון ה'אוי', שהטעות נגד פניהם - לטעות באיש בער ולא ידע, אמנם האיש שהעולם טועים בו, נקה מעון ולא פעל שום רע בזה שהעולם בטעות, ולמה לקרות עליו: אוי? אמנם באמת ידע אנוש בנפשו, או צדיק גמור הוא או רשע, ואם כן מהראוי אפילו אלף אנשים שלא הריחו בו ואינם מכירים את מעשיו, ומשבחים אותו לקרותו בשם רבי, האמת שהטעות נגד פניהם, על כל פנים למה לו להתענג מזה, ונפשו יודעת מאוד ששקר ענו בפיהם, ואין האמת אתם, ואל יכנס הטעות בקרבו שראוי באמת

# מאך מיך נישט קיין אויסנאַם

דער רבי ברענגט דארטן אין די תורה "ט' תיקונים"[ז]: "אָרְחָא מַלְיָא דְּלָא אִתְחַזְיָא"; זאגט דער רבי דארטן: "אַל תִּתְהַדַּר לִפְנֵי מֶלֶךְ"[ח].

מיר האבן דאס טאקע געזעהן ממש ראש השנה דארטן; אז עס איז געקומען ראש השנה האבן די אלע גרויסע עובדים דעמאלט געשוויגן, ממש זיי האבן נישט ארויסגעוויזן קיין שום עבודה, "אל תתהדר לפני מלך", מען דארף זיך נישט גארנישט אנזעהן![ט].

ר' מיכעלע[י] איז געווען אזוי ממש "נחבא אל הכלים", פארבאהאלטן זיך, ראש השנה זאל מען זיך נישט אנזעהן. אזוי ווי עס שטייט דארטן ביי אלישע, ביי שונמית: "בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת"[יא] - ראש השנה איז דאך עס געווען[יב] - 'מאך מיר נישט קיין אויסנאם!'.

עס איז דאך דא אזעלכע, דער איז א חזן, דער איז דאס, איז ער דאך יא אנגעזעהן, דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן. וואס זאל מען טוהן?! איינער מוז דאך זיין א שטעקן, עס מוז דאך זיין עפעס א שטעקן... דארף מען בעטן זיך ביים אויבערשטן, נישט לאזן זיך נארן.

מיט דעם וועג פון זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, דאס איז אזא מין וועג אז דער אויבערשטער האט רחמנות, אז מען האט עקשנות אין דער זאך, קען מען איבערגיין.

---

לקרותו בשם רבי, ומי שנבער מדעת והעולם מכניסים בקרבו את הטעות, בודאי אוי לו ואוי לנפשו רעה, כי ידע אנוש בנפשו אם צדיק הוא או רשע, ולזה כיוונו רז"ל אוי לו שהעולם מטעים בו, פועל יוצא, כלומר מכניסים בקרבו את הטעות, והוא ידע האמת, ועם כל זה תועה מדרך השכל וקונה לעצמו שם רבי, ורצונו ליהנות עצה ממנו, וכל העולם יטריחו בשבילו במזון וכסות וכל צרכיותיו המרובים! עיי"ש.

[ז] ליקוטי מוהר"ן סי' כ', אות י', עיין שם.

[ח] משלי כה, ו.

[ט] עיין ספר המידות - ערך צדיק אות צ"ז: **יֵשׁ לְהִזָּהֵר מִלְּהַרְאוֹת חֲסִידוּת לִפְנֵי גְּדוֹלִים.**

[י] בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת.

[יא] מלכים-ב ד, יג.

[יב] עיין זוהר נח דף ס"ט ע"ב, ועוד, ומה שפירש שם לפי זה מה שאמרה "בתוך עמי אנכי יושבת".

**"על כל פנים, השם יתברך שומע קולו שזה ישועתו" - זאגט דער רבי אין די תורה פון "קשיא"[יג]; על כל פנים, איך רעד דאך כאטש פארן אויבערשטן!**

**אז דער בעל דבר קומט צו גיין, און ער דערציילט - 'ער האט פניות'** (וכדו'. עונים לו שם:) **"ער האט מיר שוין אליין געזאגט, ער האט שוין אליין פאר מיר גערעדט, איך האב שוין פון אים אליין געהערט, ער האט מיר שוין אליין דערציילט!"[יד].**

**דער אויבערשטער איז דער מקור האמת, "ה' אור לו"[טו], איך רעד פארן אויבערשטן אליין, פארן אמת'ן גוטן פריינד, ער איז דאך מיין ליכטיגקייט; נאר פאר השם יתברך אליין קען איך דערציילן אלעם - און אים דארף מען טאקע אלעם דערציילן!**

**"אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה"[טז]; זאגט די גמרא[יז]: "חציף עלי מאן דמפרש חטאיה". מען טאר גארנישט ארויסרעדן דעם חטא פאר יענעם. מען הייסט א חצוף אז ער רעדט ארויס דעם חטא פאר יענעם. אבער פארן אויבערשטן קען איך רעדן.**

**דאס אליין איז א געוואלדיגע עצה צום אויבערשטן - א געוואלדיגע התקרבות!**

**מען האט גערעדט דא פון דעם 'כח המושך'[יח], אז מען זאל זיך קענען ציען צום צדיק, זיך ציען צו אלוקותו יתברך.**

---

[יג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ו.

[יד] עיין ליקוטי הלכות הל' הרשאה ה"ג, אות ז'.

[טו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קי"ב: **הָעִקָּר שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ הוּא אֱמֶת**, לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֱמֶת לְפִי מַדְרֵגָתוֹ, כִּי 'חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֱמֶת' (שַׁבָּת נה יוֹמָא סט), **וְהוּא יְסוֹד הַכֹּל**, כִּי אֱמֶת הוּא רֹאשׁ תּוֹךְ סוֹף. וְכֵיוָן שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגַת אֱמֶת, **אֲזַי כִּבְיָכוֹל נִתְלַבֵּשׁ בּוֹ אוֹר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ**, אֲשֶׁר חוֹתָמוֹ אֱמֶת, וְאָז נֶאֱמַר עָלָיו: **"ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי". וְכֵיוָן שֶׁה' אוֹר לוֹ**, יוּכַל לִמְצֹא פְּתָחִים הַרְבֵּה לָצֵאת מֵהַחֹשֶׁךְ וְהַגָּלוּת שֶׁהוּא סָגוּר שָׁם.

[טז] תהלים לב, א.

[יז] ברכות לד:

[יח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע'. [גם עיין טעם זקנים קונטרס קמ"ג, והיא ח"א משיעור זה].

**אז איך רעד אויס פאר אים - 'אזוי האב איך היינט געטראכט, אזוי האב איך היינט געקוקט, אזוי האב איך היינט גערעדט' (וכדו') - דאס דארף זיין ביי אונז זייער חשוב, זייער חשוב!**

❖

## ערוועקן די אור-אלטע שמחה

**עס קומען טאקע אזעלכע הייליגע טעג, א פסח, זמן חרותנו, עס איז דאך א געוואלד, און דא הויבט זיך אָן די מצוה פון ספירה, דאס איז אלץ יסודות פון אידישקייט, יסודות פון אידישקייט! און דערנאך גייט א קבלת התורה![יט]**

**מיר האבן געזעהן היינטיגע וואך[כ] וואס אין אידן ליגט עפעס אַן ענין, א נקודה, אידן פרייען זיך מיט דעם 'הר סיני'! 'מיר האבן געזאגט דעמאלט "נעשה ונשמע"' - אידן פרייען זיך דערמיט!**

**דאס איז דאך טאקע פון די 'שש זכירות': "מען זאל געדענקען אז מען איז געשטאנען ביים בארג חורב, ביים מעמד קבלת התורה!".**

**ווען עס ווערט נתעורר עפעס א הכנסת ספר תורה, ווערט דעמאלט דערוועקט אין אידן דער 'נעשה ונשמע' פון דעמאלט!**

**די שמחה וואס ווערט דערוועקט אין אידן ביי א הכנסת ספר תורה, דאס איז א שמחה וואס ס'איז געווען ביים בארג סיני - 'מען האט געזאגט נעשה ונשמע!' עס ווערט אין אידן דערוועקט די שמחה!**

**דאס איז נישט קיין שמחה וואס מען קען זי צונויפנעמען (- טאפן), דאס איז א שמחה וואס איז עפעס א הארציגע זאך, עס ליגט אין הארץ עפעס א מין שמחה וואס איז**

---

[יט] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות ז': **וְזֶה בְּחִינַת פֶּסַח וּסְפִירַת הָעֹמֶר וְשָׁבוּעוֹת שֶׁאָז כָּל הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם** שֶׁהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרַיִם בְּפֶסַח כְּדֵי לְקַבֵּל הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת כְּדֵי לְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ. וְהָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה שֶׁהִיא כְּלַל וִיסוֹד כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה".

[כ] כוונתו להכנסת ספר תורה שהתקיימה ביום כ"א אדר ב' תשל"ו בבית מדרשנו הגדול במאה שערים, לעילוי נשמת בנו ר' משה בענדער ע"ה.

**באהאלטן נאך פון דעמאלט אָן פון קודם קבלת התורה, און ווען עס קומט עפעס אַן ענין פון 'כבוד התורה', קומט ארויס עפעס א נקודה פון די שמחה!**

**עס ווערט אין אידן דערוועקט עפעס א מין שמחה בלב: "מיר האבן געזאגט נעשה ונשמע!".**

דער רבי זאגט דאך בפירוש אין תורה ל"ד[כא]: "אין יעדן איינעם איז דא א נקודה וואס איז א 'בחינת צדיק'"; "און דארטן איז 'שורה אהבה קדושה'"[כב].

אט די גאוה מעג איך האבן אין זיך: 'עס איז דא אין מיר א נקודה וואס הייסט "צדיק", וואס דארטן איז 'שורה אהבה קדושה' - אזא מין נקודה איז דא אין מיר!'.

פון וואנעט די נקודה נעמט זיך אין מיר - ווייס איך נישט, נאך 'מתחילת הבריאה', פון דער 'מחשבה תחילה' וואס דער אויבערשטער האט געטראכט! אידן זענען דאך געווען 'במחשבה תחילה'! ליגט דאך עפעס אין מיר א מין נקודה, און אזוי אין יעדן איינעם.

פאר די בריאה - די ערשטע מחשבה איז דאך געווען אידן! אז דער אויבערשטער האט געטראכט צו באשאפן א בריאה - די ערשטע מחשבה איז געווען 'ישראל'![כג] בין איך דאך שוין געווען 'במחשבה תחילה', ליגט דאך עפעס א נקודה אין מיר וואס ס'איז א 'בחינת צדיק', דאס איז א זאך נאך פון אנהויב בריאה.

אז דער אויבערשטער העלפט אז עס קומט עפעס א שעת הכושר, ווערט דערוועקט א מין נקודה וואס דער מענטש אליין (ווייסט) - 'איך בין גארנישט שייך צו דער שמחה, נאר ס'האט זיך דערוועקט די נקודה וואס עס איז דא אין מיר שוין פון טויזנטער יארן!'.

---

[כא] עיין שם אות ד'.

[כב] שם אות ז'.

[כג] עיין בראשית רבה פר' א' פס' ד'; ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, אות א'.

# 'עפעס' בלייבט

דאס אייגענע ווייטער, מיטן רעדן צום אויבערשטן דיבורים ווערט דעמאלט אויך דערוועקט די נקודה. עס איז טאקע דא אין מיר א נקודה וואס הייסט 'צדיק', די נקודה איז א געוואלדיגע גרויסע זאך, נאר זי שלאפט אין מיר.

(השואל: אפילו א רשע האט אויך א חלק 'צדיק'?) דאס איז דאך געוואנדן, סיידן אז ער שמד'ט זיך אינגאנצן, אבער כל זמן עס איז נאך דא אין אים א זאך, ליגט נאך אין אים עפעס א מין נקודה[כד]. דערפאר זעהט מען דאך טאקע אז דער מענטש קען (תשובה טוהן).

באמת איז דאך א קשיא, אויב דער בעל דבר האט געהאט א כח איידער איך האב געזינדיגט - אז איך זאל זינדיגן; אויב א מענטש איידער ער האט געזינדיגט - ווען ער איז געווען נעענטער צום אויבערשטן - קען אים דער בעל דבר אנרעדן אז ער זאל זינדיגן, איצטער אז ער האט שוין געזינדיגט, איז ווי האט ער כוחות ארויסצוגיין? ער איז דאך מער דערווייטערט געווארן פונעם אויבערשטן?

דער תירוץ איז, דער רבי זאגט טאקע אין די תורה דארט[כה], בשעת ס'איז געווען די שבירה, די שבירה איז טאקע געווען, אבער נישט אינגאנצן.

למשל, אז עס איז געווען א כלי פול מיט 'חסד' און די כלי איז געווארן צעבראכן, איז אבער דער חסד ארויף אין 'יסוד דאצילות'. איז כאטש עס איז געווארן א שבירה, איז די שבירה געווארן נאר אין דער 'כלי', אבער אין דעם 'אור' אליין האט די שבירה נישט נוגע געווען[כו].

---

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב, אות כ"ד, ועוד.

[כה] עיין שם בסי' ל"ד אות ז'.

[כו] עיין ליקוטי הלכות הל' ערבית ה"ד, אות ל"ד: וּכְמוֹ כֵן הוּא בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן. שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁמַּתְחִיל פְּעָמִים הַרְבֵּה אֵין מִסְפָּר בַּעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ וְנוֹפֵל בְּכָל פַּעַם, אֲפִלּוּ אִם נְפִילָתוֹ גְּדוֹלָה מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן אֲפִלּוּ מִי שֶׁנּוֹפֵל חַס וְשָׁלוֹם לַעֲבֵרוֹת מַמָּשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַף עַל פִּי כֵן כָּל מַה שֶׁהִתְחִיל אֵיזֶה הַתְחָלָה בְּכָל פַּעַם אֵינוֹ נֶאֱבָד לְעוֹלָם, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁבִּשְׁעַת הַנְּפִילָה נִתְקַלְקֵל הַכֹּל **אַף עַל פִּי כֵן נִשְׁאָר תָּמִיד רְשִׁימָה מִכָּל עֲבוֹדָה וַעֲבוֹדָה וּמִכָּל הַתְחָלָה וְהַתְחָלָה**. וְאֵלּוּ הָרְשִׁימוֹת הֵם תִּקּוּנִים נִפְלָאִים וְהֵם נִצְרָכִים וּמֻכְרָחִים מְאֹד אֶל בִּנְיַן הַקְּדֻשָּׁה שֶׁצְּרִיכִין לְהָקִים, ע"כ, עיין עוד שם. גם עיין שם הל' ברכת הריח ה"ד, אות מ"ה.

- אט דאס איז בכלל אין די בריאה. ביי יעדן איינעם איז אבער אויך אזוי, דער מענטש אז ער האט געזינדיגט קעגן דעם אויבערשטן, דאס איז דאך אוודאי א געוואלדיגע שבירה, אבער עס איז געבליבן דארטן אזא מין נקודה וואס דארט איז נישט געווארן קיין שבירה, ווייל ווען עס זאל ווערן א שבירה אינגאנצן, האט ער גארנישט קיין כח צו טוהן תשובה.

עס איז טאקע געווארן א שבירה, ער איז געווארן צעבראכן דורך דעם חטא, אבער ס'איז געבליבן אזא מין נקודה וואס דארטן האט נישט צוגעטראטן די שבירה, ממילא האט ער א וועג צו טוהן תשובה.

בכלל, ביים עגל און ביי אלע חטאים וואס עס איז געווען ביי אידן, איז אויך אזוי, 'עפעס' איז געבליבן.

**דער יצר הרע איז זייער גרויס!**

רבי נתן האט אמאל גערעדט וועגן דעם כח היצר, האט ער זיך צעוויינט אויפן גודל כח היצר הרע: "**א געוואלדיגער כח האט ער, מען האט אים דאך געגעבן א כח!**".

אבער פונדעסטוועגן, אז מיר זאלן גיין מיט כוחות אזוי ווי ער גייט, וואלט ער בשום אופן נישט געקענט בייקומען!

פארוואס האט ער נישט קיין צוטריט צו צדיקים? ווייל זיי גייען ארויס מיט אלע כוחות! זיי ווייסן אז ער גייט מיט אלע כוחות, מיט אלע סמים, מיט אלע מיני חיצים גייט ער אנטקעגן מיר![כ]

ער איז "הבא להרגך", ער איז א געוואלדיגער מקטרג אויף מיר, ער טראכט נאר וועגן מיר און וועגן יעדן איינעם (להחטיאו); און איך גיי - 'מהיכי תיתי', טאקע נאר ממש 'מהיכי תיתי'; גיי איך דען אנטקעגן מיט אלע כוחות?! דעריבער צוברעכט ער טאקע יעדן איינעם אויף שטיקער.

---

[כ] עיין סיפורי מעשיות - מעשה י"ג, מיום השישי.

נאר וואס דען, דער אויבערשטער האט רחמנות, אז נישט אינגאנצן! אלץ בלייבט **איבער** (א נקודה)!

מען לאזט דאס נישט צו מלמעלה אז מיר זאלן ווערן אזוי פיל צעבראכן אז עס זאל נישט איבערבלייבן אין דעם מענטשן א כח זיך אומצוקערן צום אויבערשטן - דאס לאזט מען אים נישט; "**אַךְ אֶת נַפְשׁוֹ שְׁמֹר**"[כח].

עס איז פארהאן אמאל אזא בחינה, דער יצר הרע נעמט זיך צו איינעם, ער צעהאקט אים אויף שטיקער, אבער די גוטע זאכן זאלסטו אים נישט טשעפען. ממילא איז דא א כח, די נקודה איז דא אין מיר, דארטן טרעט נישט צו קיין שבירה.

ממילא, אז איך הויב נאר אָן רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דערוועקט זיך מיר מיין נקודה וואס דארטן איז קיין שבירה נישטא. אט דאס איז די גרויסקייט טאקע פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים[כט].

## ס'רעדט זיך...

דאס אייגענע - רעדן מיט א חבר אויך; אז צוויי חברים רעדן זיך צונויף און מען רעדט פונעם תכלית, ווערט אין מיר דערוועקט מיין נקודה.

מען זעהט דאך אליין; קען דען זיין אז בשעת מען קומט זיך צונויף און מען רעדט זאל מען זיך צוגרייטן דיבורים? - עס איז דאך א געלעכטער. דיבורים וואס מען גרייט זיך צו האבן גארנישט קיין ווערטער... נאר, בשעת מען קומט זיך צונויף ווערט דערוועקט ממילא יעדנ'ס נקודה וואס ער בענקט צום אמת, ווערט עפעס א נייער כח, וואס דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, קען מען קומען טאקע און נתעורר ווערן צו תשובה, קען מען באקומען בעסערע געדאנקען, קען מען טאקע נתעורר ווערן צו אזא מין עובדא וואס ער האט פריער נישט געטראכט דערויף.

---

[כח] לשון הפסוק הנאמר באיוב (ב, ו-ז) כשהשי"ת נתן רשות להשטן לנסותו: "וַיֹּאמֶר ה' אֶל הַשָּׂטָן הִנּוֹ בְיָדֶךָ אַךְ **אֶת נַפְשׁוֹ שְׁמֹר** [- שלא תצא. רש"י]. וַיֵּצֵא הַשָּׂטָן מֵאֵת פְּנֵי ה' וַיַּךְ אֶת אִיּוֹב בִּשְׁחִין רָע מִכַּף רַגְלוֹ וְעַד קָדְקֳדוֹ" וכו' עיין שם.

[כט] עיין בַּתורה שם בפנים אות ח'. גם עיין ליקוטי הלכות הל' מלמדים ה"ד.

(השואל: רבי נתן פלעגט זיך נישט צוגרייטן?) **א תורה - יא; מען רעדט דאך פון דיבורים אזוי; מען רעדט מיט א חבר דיבורים, מען רעדט דיבורים פון יראת שמים.**

אפילו איך גרייט זיך צו רעדן היינט פון א רעיון פון דער מידה, קען איך אויך נישט אויסשטעלן די אלע דיבורים, נאר אז מען וועט רעדן היינט פון דעם שמועס; 'היינט' וועט מען רעדן א דיבור פון 'התמדת הלימוד', מען וועט רעדן א דיבור פון 'דערווייטערן זיך פון לשון הרע'; אבער די דיבורים וואס דער אויבערשטער שיקט אריין אין א מענטשן, דאס קען מען זיך נישט צוגרייטן, דאס זיך צוגרייטן איז גארנישט קיין אמת; נאר וואס דען, "אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ" - ס'רעדט זיך שוין אליין.

דער מענטש אויב זיין כוונה איז נאר צוליב גאות, האט ער טאקע קיין דיבורים נישט, די דיבורים ענדיגן זיך באלד. נאר אויב די כוונה איז - איך וויל פשוט ארויסגיין פון דער מידה, דעמאלט העלפט דער אויבערשטער, דער אויבערשטער שיקט אים אריין נייע דיבורים, נייע געדאנקען, עס ווערט עפעס א התחדשות[ל]. עס איז נאר געווענדן אין דעם גודל האמת וואס ס'איז דא דערין[לא].

דאס אייגענע (- שהכל לפי גודל האמת) איז אויך ביי צדקה, "**זכות אבותם מסייעתן**"[לב]. ביי יעדער זאך איז אזוי, (שעיקר החשיבות) אז עס ווערט דערוועקט עפעס דער אמת פון דער זאך. דאס איז אויך דאס גרויסקייט פון 'תפילה בציבור', אז עס ווערט דערוועקט עפעס א נקודה פון דעם ציבור, א נקודה פון אמת, אט דאס איז אינגאנצן דער שלימות פון דער זאך.

**מיר גלויבן דאך אלע אז דער כח פון דעם רבי'ן איז זייער גרויס! א געוואלדיגער כח איז דא פון רבי'ן!**

---

[ל] עיין ליקוטי הלכות הל' שילוח הקן ה"ה, אות כ': **הַדִּבּוּרִים הַבָּאִים לָאָדָם הֵם בְּחִינַת בְּרִיאָה חֲדָשָׁה מַמָּשׁ, כִּי בְּוַדַּאי הוּא רָחוֹק מִדִּבּוּרִים מְאֹד מֵחֲמַת הִתְרַחֲקוּתוֹ**, אֲבָל כְּשֶׁהוּא חָזָק וּמֵכִין עַצְמוֹ לְדַבֵּר וְלָשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וְחָזָק בָּזֶה אֵיזֶה שָׁעָה בִּרְצוֹנוֹת וְכִסּוּפִים חֲזָקִים אֲזַי ה' יִתְבָּרֵךְ עוֹזְרוֹ וְשׁוֹלֵחַ לוֹ דִּבּוּרִים לְתוֹךְ פִּיו שֶׁהֵם בְּחִינַת בְּרִיאָה חֲדָשָׁה מַמָּשׁ, שֶׁה' יִתְבָּרֵךְ בְּרַחֲמָיו בָּרָא לוֹ דִּבּוּרִים וְהִזְמִינָם לְתוֹךְ פִּיו בִּבְחִינַת בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתַיִם, 'בּוֹרֵא' דַּיְקָא כַּנַּ"ל.

[לא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ט', אות ג'.

[לב] עיין אבות פ"ב, מ"ב: וְכָל הָעֲמֵלִים עִם הַצִּבּוּר, יִהְיוּ עֲמֵלִים עִמָּהֶם **לְשֵׁם שָׁמַיִם, שֶׁזְּכוּת אֲבוֹתָם מְסַיַּעְתָּן** וְצִדְקָתָם עוֹמֶדֶת לָעַד. וְאַתֶּם, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם שָׂכָר הַרְבֵּה כְּאִלּוּ עֲשִׂיתֶם. עיין שם ברע"ב פירושו.

מיר האבן געזעהן מיט די אויגן אזעלכע מענטשן וואס זענען מקורב געווארן צו אונז, זיי זענען געווארן אזעלכע עובדי ה', אזעלכע קדושים וטהורים, א געוואלד א געוואלד א געוואלד, דאס איז דאך נאר דער כח פון דעם רבי'ן! דער כח פון רבי'ן איז געוואלדיג גרויס! די נקודה פון דעם צדיק איז געוואלדיג גרויס!

אינגאנצן וואס מען לערנט די ספרים, וואס מען רעדט צום אויבערשטן, וואס מען קומט זיך צונויף, איז דאך אלץ כדי עס זאל דערוועקט ווערן דער כח פון דעם צדיק! זיין כח!

אליין מיט די אייגענע כוחות ממש האט מען גארנישט אזוי פיל כוחות. נאר וואס דען, עס איז דא אין 'מיר' א כח וואס ס'איז באהאלטן, און עס איז דא א כח אין דעם 'חבר' וואס עס איז באהאלטן, און דער כח פון דעם 'צדיק' - די דריי נקודות, ממילא אז מען קומט זיך צונויף, און מען רעדט, און מען לערנט די ספרים, ווערט עפעס א נייער כח אין מיר מיט וואס איך זאל קענען גיין אנטקעגן אים אז ער זאל נישט האבן אזעלכע כוחות מיך צו צוברעכן אינגאנצן.

❖

## נישט רעדן צו א טאטן?!

מען קען זיך דען אויסמאלן די גרויסקייט דערפון?!

מיר רעדן, וואס איז דאס התבודדות - א קינד ביי א טאטן, אז ס'איז אים שלעכט, דערציילט ער דעם טאטן אלעם - 'דאס איז דאך מיין טאטע!' - דערציילט ער אים אלעם אוים: "טאטע, איך בין קראנק, איך לייד אויף 'דער' זאך, איך לייד אויף 'דער' זאך, אפשר קענסטו מיר עפעס העלפן - טאטע!" - א פליישיגער טאטע - דערציילט ער אים אלעם אוים.

וואס קען אים דער טאטע העלפן?!

אבער אז ער רעדט דאך צום מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, צום דעם אמת'ן טאטן, ער קען דאך מיר יא העלפן!

**וואס איז דאס אזא מין זאך וואס?! פארוואס זאל איך דאס נישט טוהן?!**

**די וועלט נעמט דאס אָן, 'וואס איז דאס אזא זאך "התבודדות"? דאס איז נאר שייך צו תלמידי הבעל שם'...**

**"פארוואס איז דאס נישט שייך צו מיר?! אז מיר איז ענג טאר איך מיך נישט אויסרעדן פארן אויבערשטן אליין: "האב אויף מיר רחמנות - עס איז מיר ענג" - און אים דערציילן וואס מיר איז ענג!?".**

פארוואס מאכט מען דאס אזוי פיל (הויך)?! מען הויבט דאס אזוי פיל אויף, אז עס האט נישט שייכות צו מיר! עס איז טאקע א הויכע זאך, אבער מען מאכט דאס אזוי פיל הויך אז זיי זאגן - - (- עס איז נישט שייך צו אונז).

דאס אייגענע מיט חצות אויך, זיי מאכן דאס אזוי פיל הויך אז דאס איז נישט שייך צו מיר.

'פארוואס מאכסטו דאס אזוי פיל הויך?' איך דארף דאך געהאלפן ווערן - דארף איך דאך האבן אַן עת רצון - און דעמאלט איז דער עת רצון! פארוואס מאכט איר אזוי פיל א געשעפט דערמיט?! איך ווייס ביי זיך אז איך דארף האבן אַן עת רצון - און דעמאלט איז אַן עת רצון, פארוואס זאל איך נישט וועלן אפהיטן דעם עת רצון?!

(השואל: שבת איז דאס אויך שייך?) דאס ענין פון חצות איז דען נאר אויף קלאגן אויפן בית המקדש?! דאס איז דאך אַן עת רצון! ממילא אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, בעט מען אין דעם זמן אויף דעם בנין בית המקדש.

דאס איז אבער שוין געווען (אַן עת רצון פארן חורבן), מען זאגט דאך ביי "ויהי בחצי הלילה"[לג], אין מצרים איז געווען (מכת בכורות) ביי חצות הלילה, און "דנת מלך גרר בחלום הלילה", און לבן הארמי איז אויך געווען "באמש לילה", סנחריב האט געהאט א מפלה "בחצי הלילה", ער רעכנט אוים נאך דארטן - אלץ 'בחצות הלילה'.

---

[לג] מתוך הגדה של פסח.

**דעמאלט איז עפעס א מין עת רצון! אז איך ווייס אז איך דארף געהאלפן ווערן, און אז איך ווייס אז איך דארף אַן עת רצון, דארף איך אויסניצן דעם עת רצון.**

**א מענטש אז ער האט א משפט און ער דארף האבן עפעס אַן עת רצון און ער ווייסט דארטן אז דער מענטש וועט אים העלפן און אים א טובה טוהן, אבער צו אים קען מען קומען נאר אין 'דער' צייט - אין אַן אנדערע צייט איז ער נישטא, לויף איך צו אים אין דער צייט.**

**דאס איז דאך אויך דאס אייגענע; טאקע ביים אויבערשטן איז דאס נישט שייך צו זאגן, דער אויבערשטער איז דאך כסדר דא, אבער מען רעדט דאך - אַן 'עת רצון', אַן עת רצון איז דא אין דעם זמן - עס איז אַן עת רצון.**

**די וועלט הויבט אויף דער זאך כדי צו זאגן: 'איך האב נישט קיין שייכות צו דעם, עס האט נאר א שייכות צו דעם און דעם - צו דעם בעל שם הקדוש מיט די גרויסע מענטשן - איך האב נישט קיין שייכות דערצו...' - דאס איז א שקר; עס איז טאקע א הויכע זאך, אבער איך בין אויך שייך דערצו.**

**אדרבה, מה-דאך זיי וואס זיי זענען געווען קדושים וטהורים, האבן זיי גענדארפט האבן אַן עת רצון - אז איך בין אזוי, דארף איך דאך אוודאי אנקומען צו דעם עת רצון.**

(אחד הנוכחים: רבי נתן ברענגט דעם קל וחומר לגבי ארץ ישראל![לד])

[לד] עיין ימי מוהרנ"ת חלק שני אות כ"ה, וזל"ש: וְאִם מִי אָנֹכִי לְהַשְׁווֹת עַצְמִי לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אֲשֶׁר אֵין מִי נִדְמֶה אֵלָיו, מִכָּל שֶׁכֵּן פָּחוּת כָּמוֹנִי, אַף עַל פִּי כֵן לְעִנְיַן דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה מְחֻיָּב אֲפִלּוּ הַקַּל שֶׁבְּקַלִּים לְבַקֵּשׁ גְּדוֹלוֹת כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. **אַדְּרַבָּא, אֲנִי מְחֻיָּב לִמְסֹר נַפְשִׁי יוֹתֵר וְיוֹתֵר אֶלֶף פְּעָמִים לָבוֹא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** כִּי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֲפִלּוּ קֹדֶם שֶׁבָּא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה קְדֻשָּׁתוֹ וּפְרִישׁוּתוֹ וּמַעֲלָתוֹ וְצִדְקָתוֹ גָּבוֹהַּ וְנִשְׂגָּב וְנַעֲלֶה מְאֹד מְאֹד בְּתַכְלִית הַמַּעֲלָה, וְלֹא נָסַע לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כִּי אִם לִפְעֹל לְהַשִּׂיג הַשָּׂגוֹת נִשְׂגָּבוֹת יוֹתֵר וְיוֹתֵר כִּי לִגְדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ אֵין חֵקֶר, וְכַמְבֹאָר מִזֶּה בִּדְבָרֵינוּ בְּסִפּוּרֵי שְׁבָחָיו הַנּוֹרָאִים עַיֵּן שָׁם. **אֲבָל אֲנַן יַתְמֵי דְּיַתְמֵי אָנוּ צְרִיכִין לְהִתְגּוֹלֵל בְּרֶפֶשׁ וָטִיט וְלִרְחֹשׁ עַל הָאָרֶץ בֵּין נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים עַד שֶׁנִּזְכֶּה לְנַשֵּׁק עֲפַר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, וּלְהִתְגּוֹלֵל בַּעֲפָרָהּ הַקְּדוֹשָׁה וְלִשְׁאֹב מֵאֲוִירָהּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא ... כִּי כְּבָר הוֹדִיעָה לָנוּ הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה בְּעַצְמָהּ, וְרַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

דער רבי האט מודיע געווען קעגן התבודדות[לה]: **"די עצה איז 'מקטן ועד גדול'!"** - פון קליין ביז גרויס.

דער רבי - דער אמת'ער מנהיג - איז א 'טוב עין', ער האט יעדן איינעם פארגונען, יעדער איינער זאל האבן. דאס וואס אמאל האבן געהאט די גדולים - באהאלטן - 'ניין, דאס האט שייכות צו דיר אויך! דו דארפסט אויך געהאלפן ווערן, דו דארפסט אויך האבן דער זאך!'.

פשוט - רעדן צום אויבערשטן דיבורים! דער אויבערשטער האט א געוואלדיגער נחת רוח דערפון, דער אויבערשטער וויל אזעלכע תפילות!

❖

## זיך אונטערגעהערט זיין התבודדות...

ר' אברהם אלי' מייזעס איז דאך געווען אסאך אין אומאן[לו]. האט ער געזעהן ווי די חברה גייען התבודדות, האט ער געוואלט הערן וואס זיי רעדן. האט ער זיך באהאלטן אמאל דארטן אין א ווינקל, ער איז נישט געגאנגען צוזאמען מיט זיי, ער האט נישט געוואלט זיי זאלן וויסן אז ער איז דא...

האט ער זיך צוגעהערט ווי ר' חיים בנימין[לז] האט געהאט התבודדות, ווי ער האט גערעדט צום אויבערשטן. האט ער מיר נאכדעם געזאגט - ער איז געווען מיין אורח -

---

בַּגְּמָרָא בְּמַסֶּכֶת כְּתֻבּוֹת וּבִשְׁאָר מְקוֹמוֹת וּבַמִּדְרָשִׁים וּבִפְרָט רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּתוֹרוֹתָיו הַנּוֹרָאוֹת, שֶׁכֻּלָּם גִּלּוּ לָנוּ מִגֹּדֶל מַעֲלַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **וְשֶׁכָּל קְדֻשַּׁת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי תְּלוּיָה בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

[לה] ליקוטי מוהר"ן תניינא כ"ה; שם סי' ק'.

[לו] עיין עוד אודותיו ומה שהביאו לאומאן, בירחון "אבקשה" - שבט תשפ"ד, ע"י הסופר ד. דגן; ובטעם זקנים קונטרס ע"ט.

[לז] ר' חיים בנימין ב"ר יחזקאל בראד. נולד בפוילן. בגיל שמונה עשרה התקרב לברסלב ונסע לאומן. מכיון שהגבול נסגר נשאר באומן, והיה גר במעזעבוזש. בשנת תשכ"ב הצליח לצאת מרוסיה ולעלות לא"י, ודר בבני ברק. נלב"ע בארץ ישראל כ"א כסלו תשל"א. חתניו: ר' זלמן לייב אסטולין, ור' יעקב גאלינסקי ז"ל. (גידולי הנחל)

"אזעלכע דיבורים ווי ער רעדט צום אויבערשטן - איך שעם זיך פאר אים; ער האט ארויסגערעדט אזעלכע זאכן וואס איך דערצייל גארנישט אזעלכע זאכן דעם אויבערשטן, ביי מיר איז עס גארנישט קיין עוולה; אז ער רעדט עס אוים פארן אויבערשטן - איז עס אַן עוולה ביי אים!".

"איך שעם זיך פאר אים!"

## סוחרים זאלן שרייען צום אויבערשטן?!

דער נחמן פון קריבוויראג[לח] - "דער אלטער ר' נחמן" וואס איז פאר עטליכע יאר געשטארבן, ער האט געהאט א גאלאנטעריי, גאלאנטערי זאכן - שפיגעלעך, קעמעלעך, נאדעלעך, דארטן די אלע מעשה'ס (פאר פרויען). פלעגט ער ארויסגיין אינמיטן דער גאס און פארקויפן.

ער פלעגט אבער האבן התבודדות, פלעגט ער פארטאג ארויסגיין פון שטאט. האט ר' הערש לייב (ליפל) דערציילט ווי ער האט זיך אויסגעצויגן, ער איז געוועזן א הויכער, און ער האט געשריגן צום אויבערשטן, זיך אויסגערעדט פארן אויבערשטן: "בייטאג קומט אריין דארטן די און די און די" - - אלץ וואס טוהט זיך איבער ביי א מענטשן בייטאג אין מסחר האט ער אויסגערעדט פארן אויבערשטן - "איך זאל ווערן אפגעהיט!".

**געוואלד און געשריגן ווי דער רבי נעמט א סוחר'ישער מענטש, א פשוט'ער מענטש, נישט קיין למדן - און ער רעדט פארן אויבערשטן אזעלכע דיבורים!**

**ווער רעדט פארן אויבערשטן אזעלכע דיבורים?!**

**דאס איז דאך א געוואלדיגער נחת רוח למעלה!**

[לח] בן ר' יצחק מבאברינייץ בן ר' נתן מדימיטריוועקע בן ר' נחמן במוהרנ"ת. עלה לארץ ישראל בשנת תשכ"ז, ונפטר בשנה שלאחריה בחודש אלול שנת תשכ"ח. עיין עוד אודותיו בשיש"ק (חדש) ח"ב, אותיות תשס"ט-תשע"א.

**א איד וויינט זיך אויס פארן אויבערשטן - אזא סוחר - אז עס קומען דארטן צו גיין די נשים, קויפן דארטן די גאלאנטעריי זאכן - 'ער זאל נישט האבן קיין הרהור חלילה!' - עס איז דאך א געוואלד.**

**און דערויף קריגט די וועלט...**

**דאס איז דאך ממש אזא מין התקרבות צום אויבערשטן, אזא מין אמת ליגט דאך אין דער זאך - און דערויף קריגט די וועלט!**

**דאס האט דאך רבי נתן געזאגט[לט]: "ווען די וועלט זאל נישט קריגן, וואלט דער רבי מקרב געווען די גאנצע וועלט צום אויבערשטן!".**

**מיט די דיבורים וואלט מען די גאנצע וועלט מקרב געווען צום אויבערשטן; אז סוחרים זאלן וויסן אז מען דארף גיין שרייען פארטאג...**

**אזוי אויך יעדער איינער - נישט נאר סוחרים; אז איינער איז א מלמד, ער דארף לערנען מיט די קינדער יעדן טאג דאס און דאס, אז איינער איז א שוחט, יעדער אין זיין פאך, אין זיין לערנען, דארף ער דאך דאס אלץ דערציילן דעם אויבערשטן, דאס איז דאך אלץ משא ומתן, דארף ער דאך דאס אלצדינג דערציילן דעם אויבערשטן!**

**אט דאס איז דאך די 'שפה ברורה' וואס וועט זיין לעתיד, "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'". אט דאס הייסט א שפה ברורה, א לויטערער דיבור![מ]**

**לעתיד וועט טאקע אזוי זיין!**

---

[לט] עיין חיי מוהר"ן אות קט"ו: **וְלוּלֵא שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג עַל הָעוֹלָם עַד שֶׁלֹּא הָיָה הָעוֹלָם כְּדַאי לִינֹק מֵאוֹר כָּזֶה וְעָמַד וּגְנָזוֹ, הָיָה נִתְגַּלֶּה גְּדֻלָּתוֹ בָּעוֹלָם וְהָיָה מַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.** כִּי זֶה הָיָה כָּל מְגַמָּתוֹ תָּמִיד כָּל יְמֵי חַיָּיו, וּבָזֶה עָסַק תָּמִיד לְזַכּוֹת הָרַבִּים וּלְהוֹצִיאָם מֵחשֶׁךְ לָאוֹר, מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל.

[מ] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ו, אות ג': **לֶעָתִיד לָבוֹא יִהְיֶה הַדִּבּוּר בִּשְׁלֵמוּת,** כִּי אֲפִלּוּ הָעַכּוּ"ם יִקְרְאוּ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר. כְּמָה שֶׁכָּתוּב (צְפַנְיָה ג): "**כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל הָעַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"** וְכוּ', נִמְצָא שֶׁיִּהְיֶה לְהַדִּבּוּר שְׁלֵמוּת. כִּי עַכְשָׁו הַדִּבּוּר חָסֵר וְאֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, מֵאַחַר שֶׁאֵין כָּל הָעוֹלָם קוֹרְאִין לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר. **אֲבָל לֶעָתִיד יִקְרְאוּ כֻלָּם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר, אֲפִלּוּ עַכּוּ"ם, וְעַל כֵּן**

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[מא]: "**אזוי ווי עס איז א חיוב פון תפילין, וועט לעתיד זיין א חיוב ארויסגיין אין פעלד אריין זיך אויסרעדן פאר השם יתברך; לעתיד וועט דאס זיין א דרך כבושה פאר אלעמען!**".

פארוואס וועט אזוי זיין לעתיד? ווייל משיח וועט זאגן אז מען דארף!

ער וועט זאגן אז מען דארף אזוי טוהן; אזוי ווי איינער גייט טלית ותפילין, אזוי וועט ער גיין אין פעלד אריין - מיט א שטעקן אין פעלד אריין, גיין זיך ארויסרעדן!

התבודדות וועט זיין א דרך כבושה ווייל משיח וועט הייסן; אבער אז דער רבי הייסט - -

דער רבי האט דאך געזאגט: "**עס וועט נישט זיין קיין שום נייעס פון מיר ביז משיח'ן; קיין אנדערע עצות וועט נישט ארויסגיין - דאס וועט זיין זיינע עצות; נאר אים וועט מען פאלגן - און מיך וויל מען נישט פאלגן!**"[מב].

❖

## זיך הויבן אין דער לופטן!

אזוי ווי יעדער ווייסט ביי זיך וואס מיט אים טוהט זיך, דארף דאך זיין אין אים א געוואלדיגע שמחה בלב וואס מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן, מיר האבן אמונה אין דעם רבי'ן, מיר האבן אמונה אין די הייליגע ספרים, דאס דארף זיין א געוואלדיגע שמחה בלב ביי מיר.

---

**אָז יִהְיֶה הַדִּבּוּר בִּשְׁלֵמוּת, בִּבְחִינַת שָׂפָה בְּרוּרָה, מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל יִקְרְאוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר, נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ לְהַדִּבּוּר שְׁלֵמוּת. וְכָל זֶה יִהְיֶה לֶעָתִיד, כִּי עִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ יִתְגַּלֶּה לֶעָתִיד לָבוֹא, שֶׁאָז יֵדְעוּ וְיִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלָּתֵנוּ. כִּי אָז יִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלַּת וְתִפְאֶרֶת הַצַּדִּיקִים וְהַכְּשֵׁרִים, אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם, "מָה רַב טוּבְךָ הַצָּפוּן לָהֶם".**

[מא] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ט': דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מֵהַדֶּרֶךְ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה שֶׁגִּלָּה אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל וְאָמַר אָז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, **עוֹד יִהְיֶה זְמַן שֶׁיִּהְיֶה הַדֶּרֶךְ הַזֶּה דֶּרֶךְ כְּבוּשָׁה לָרַבִּים** (כְּמוֹ עַכְשָׁו הִיא דֶּרֶךְ כְּבוּשָׁה לָרַבִּים לְהָנִיחַ טַלִּית וּתְפִלִּין בְּכָל בֹּקֶר).

[מב] עיין חיי מוהר"ן אות רס"ו: אָמַר, **כָּל מַה שֶּׁמָּשִׁיחַ יַעֲשֶׂה טוֹבוֹת לְיִשְׂרָאֵל אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת, רַק שֶׁהַחִלּוּק הִיא שֶׁמָּשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֶר וְיָקוּם אֲבָל אֲנִי** (וּפָסַק וְלֹא דִּבֵּר יוֹתֵר) נֻסָּח אַחֵר אֲבָל אֲנִי אֵינִי יָכוֹל לִגְמֹר עֲדַיִן, ע"כ.

דאס וואס דער רבי זאגט[מג]: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד", קענען מיר מקיים זיין פשוט אלע טאג נאר מיט די שמחה אליין וואס מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן[מד].

**געוואלד! דער רבי האט געזאגט רבי נתן'ען מיט ר' נפתלי'ן[מה]: "איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים; אויף מיר וואלט איר געקריגט?!".**

מיר וואלטן געווען (- געקענט זיין) מתנגדים אויפן רבי'ן, מיר וואלטן מבזה געווען די ספרים, מיר וואלטן געריסן די ספרים, נאר דער אויבערשטער האט אונז געהאלפן אז מיר טוהען דאס נישט, דארפן דאך מיר האבן א שמחה בלב.

אז מען איז נאך מקבל אמאל עפעס א נקודה טובה, און מען רעדט דאך אמאל א דיבור, דארף דאך ממש די שמחה בלב מיר געבן עפעס אזא סארט חירות וואס זאל מיר הויבן אין דער לופטן!

❖

---

[מג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

[מד] עיין עלים לתרופה במכתב מיום א' פר' בא שנת תקפ"ד: וַחֲזַק וַחֲזַק וְתַתְחִיל בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ. וְאַל תִּסְתַּכֵּל עַל שׁוּם בִּלְבּוּל וּמָרָה שְׁחוֹרָה כְּלָל. וְאַל תָּשִׂים לִבְּךָ לְבִלְבּוּלִים כָּאֵלֶּה כְּלָל. רַק תְּחַזֵּק עַצְמְךָ **לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד**, עַל אֲשֶׁר זָכִינוּ לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל גּוֹי קָדוֹשׁ. **וְלִבְלִי לִהְיוֹת מִתְנַגֵּד חַס וְשָׁלוֹם עַל אוֹר הָאוֹרוֹת צַח הַצַּחְצָחוֹת סָבָא דְּסָבִין הוּא רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה**, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וְכוּ' שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו הֵסִיר מֵאִתָּנוּ מַסְוֶה הָעִוָּרוֹן הַמְסַמֵּא אֶת הָעֵינַיִם וּמוֹנֵעַ הַרְבֵּה אֲנָשִׁים מִלְּהִסְתַּכֵּל בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַנּוֹרָאִים. וְהֵם חוֹלְקִים וּמִתְנַגְּדִים עָלָיו וְעַל אֲנָשָׁיו וְעַל סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְהַנּוֹרָאִים מְאֹד, בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּילָנוּ מִזֶּה וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים בְּכַמָּה וְכַמָּה בְּחִינוֹת. **בְּוַדַּאי רָאוּי לָנוּ לִשְׂמֹחַ בָּזֶה כָּל יָמֵינוּ לְעוֹלָם בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה שֶׁאֵין לָהּ קֵץ וְאֵין שׁוּם מָרָה שְׁחוֹרָה וְעַצְבוּת שֶׁתּוּכַל לְבַלְבֵּל חַס וְשָׁלוֹם מִשִּׂמְחָה זֹאת לְעוֹלָם, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי וְהֵבַנְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּפֵרוּשׁ.**

[מה] עיין חיי מוהר"ן אות נ': וְאָמַר הֲלֹא אַתֶּם בְּוַדַּאי הֱיִיתֶם מִתְנַגְּדִים גְּדוֹלִים לוּלֵא חֲסָדָיו וְרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים אֲשֶׁר נִצַּלְנוּ מִפַּח יוֹקְשִׁים מִכַּת הַמִּתְנַגְּדִים אֲשֶׁר אִם הָיִינוּ שׁוֹמְעִין לָהֶם חַס וְשָׁלוֹם הָיָה נֶאֱבָד תִּקְוָתֵנוּ חָלִילָה וְכוּ'. עָנָה וְאָמַר כְּמַתְמִיהַּ וְאָמַר, עָלַי הֱיִיתֶם חוֹלְקִים, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, **"אוֹף מִיר וָואלְט אִיהר גִיקְרִיגְט"**. גם עיין בעלים לתרופה במכתב מיום א' הושענה רבה תר"ד: שָׁמַעְתִּי מִפִּיו שֶׁאָמַר לִי זֹאת. בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים. **אִין צְוֵוייֶען - אוֹיף מִיר וָואלְט אִיר גְּקְרִיגְט** וְכוּ' וְכוּ'. וַעֲדַיִן עֲדַיִן אֲנִי מְחַיֶּה עַצְמִי בָּזֶה וְכָל חִיּוּתִי הוּא בָּזֶה.

# 'מריש כל דרגין עד סוף כל דרגין'

**יעדעס דיבור וואס דער רבי זאגט, אז עס איז ארויסגערעדט מפיו הקדוש, איז עס שייך צו יעדן איינעם, צו יעדן איינעם 'לפי ערכו'[מו].**

**אז דער רבי זאגט: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד" - אט דער דיבור איז שייך צו יעדן איינעם!**

**דער דיבור איז שייך סיי צו דעם גרעסטן צדיק וואס ער האט דאך מיט וואס צו זיין פרייליך - ער איז דאך א צדיק, און עס איז שייך צו יעדן איינעם - כאטש ער איז דאך ווייט פון דעם אויבערשטן - ער האט אבער אויך מיט וואס צו זיין פרייליך!**

**אז ער וויל זיך נאר אומקערן צום אויבערשטן, אז ער האט נאר א גוטן געדאנק, איז שוין אַן עבירה אז ער האט עצבות!**[מז]

---

[מו] עיין הקדמת ספה"ק ליקוטי תפילות: דִּבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הֵם כְּלָלִיּוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, וְכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה כְּלוּלָה מִכָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ וּמִכְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל וּמִכְּלָלִיּוּת כָּל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם וְכָל אָדָם כְּמוֹת שֶׁהוּא, בֵּין אִם הוּא בְּתַכְלִית מַדְרֵגָה הָעֶלְיוֹנָה, בֵּין אִם הוּא בְּתַכְלִית דְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, **מֵרֵישׁ כָּל דַּרְגִּין עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין**, כֻּלָּם יְכוֹלִים לִמְצֹא עַצְמָם, עִם כָּל בְּחִינוֹתֵיהֶם, בְּתוֹךְ כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה שֶׁל רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. גם עיין שיחות הר"ן אות קל"א: כָּל דְּבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הֵם כְּלָלִיּוּת גָּדוֹל, וְכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה כָּלוּל מִכָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ. וּמִכָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם בְּכָל דַּרְגָּה וְדַרְגָּה. **מִן תַּכְלִית קָצֶה הָעֶלְיוֹן עַד תַּכְלִית קָצֶה הַתַּחְתּוֹן**. הַיְנוּ שֶׁעִם כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְשִׂיחָה שֶׁלּוֹ יָכוֹל לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּתַכְלִית הַמַּעֲלָה, וְכֵן אֲפִלּוּ הַקָּטָן וְהַפָּחוּת בְּתַכְלִית דְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה יָכוֹל גַּם־כֵּן לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלִמְצֹא עֵצוֹת לְנַפְשׁוֹ עַל־יְדֵי אוֹתָהּ הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ. כִּי הֵם כְּלָלִיּוּת נִפְלָא מְאֹד. גם עיין חיי מוהר"ן אות שנ"ח: כָּל שִׂיחָה שֶׁלּוֹ הִיא הִתְעוֹרְרוּת נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד וְדֶרֶךְ יְשָׁרָה וּנְכוֹנָה מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **לְכָל אֶחָד לְפִי מַדְרֵגָתוֹ יִהְיֶה בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה שֶׁיִּהְיֶה**. אֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה מְאֹד יָכוֹל לְקַבֵּל דֶּרֶךְ יְשָׁרָה וְעֵצוֹת נִפְלָאוֹת **מִכָּל שִׂיחָה וְשִׂיחָה** שֶׁלּוֹ. וְכֵן לְהֵפֶךְ מִי שֶׁהוּא בְּתַכְלִית מַדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה חַס וְשָׁלוֹם בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, יָכוֹל לְקַבֵּל דֶּרֶךְ יְשָׁרָה וְעֵצוֹת נְכוֹנוֹת **מִכָּל שִׂיחָה וְשִׂיחָה** שֶׁלּוֹ לְמַלֵּט נַפְשׁוֹ מִנִּי שַׁחַת, וְלָשׁוּב אֶל הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת אִם יָשִׂים לִבּוֹ לִדְבָרָיו הֵיטֵב, וִיקַיֵּם אוֹתָם בֶּאֱמֶת וּבִתְמִימוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת. אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאחַז בָּהֶם.

[מז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: **וְדַע, שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת, חַס וְשָׁלוֹם**, כִּי 'עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא (זֹהַר נֹחַ דַּף עא), **וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ**'.

דאס אליין אז ער וויל נאר, אז ער האט נאר דעם געדאנק אליין, דארף ער שוין זיין בשמחה תמיד און זיין פרייליך דערמיט וואס ער 'וויל' און אז דער אויבערשטער האט אים געהאלפן אז ער האט באקומען אזא מין געדאנק - ער איז דאך געווען ווייט פון דעם געדאנק.

דער רבי האט דאך געזאגט[מח]: "צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג!"; און "וואו עפעס רעכטס איז מחויב צו מיר מקורב ווערן!"[מט].

האט דאך דער רבי די ביידע זאכן געזאגט. עס איז טאקע געווען אזוי. און אין אלע צייטן איז אזוי, עס ווערן מקורב צו אונז פראסטע מענטשן, גראבע מענטשן - און עס ווערן מקורב איידעלע מענטשן; און 'די' דארפן אנקומען צו דעם רבי'ן - און 'די' דארפן אנקומען צו דעם רבי'ן, יעדער איינער דארף אנקומען צום רבי'ן אין זיין ערך!

ווען די וועלט זאל זיין א 'מודה על האמת' - די אלע קנאקערס - וואלטן זיי געזעהן אז זיי דארפן אנקומען צום רבי'ן!

נו, וואס זאלן מיר רעדן פון זיי? זאלן מיר כאטש וויסן אז מיר דארפן אנקומען צום רבי'ן, און אז מען דארף זיך האלטן ביים רבי'ן.

❖

## דער אנהויב אמונה!

דאס אליין, אז א מענטש זאל האבן געדאנקען פון דעם תכלית, דאס איז דאך א געוואלדיגע זאך.

---

[מח] עיין חיי מוהר"ן אות ש"י: "אָמַר, כַּמָּה צֶלֶם אֱלֹקִים הָיוּ מֻנָּחִים בָּרֶפֶשׁ שֶׁאֲנִי הוֹצֵאתִים מֵהָרֶפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', כִּי נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁהַמִּתְקָרְבִים אֵלַי נִשְׁתַּנָּה פְּנֵיהֶם, וּבָא עֲלֵיהֶם פָּנִים שֶׁל יְהוּדִי בִּחִינַת צֶלֶם אֱלֹקִים. **הֲלֹא יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ אִם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה דַּי לָהֶם, כִּי גַּם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם**, שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתֹּר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים, וְעַל יְדֵי נִתְקָרְבוּ וְכוּ'".

[מט] שם אות רפ"ו: "אָמַר כְּבָר תָּמַהְתִּי עַל הָעוֹלָם שֶׁהֵיכָן שֶׁנִּמְצָא אֵיזֶה טוֹב אֲמִתִּי רָאוּי שֶׁיִּתְקָרֵב אֵלֵינוּ **[ווִי סֶע גִיפִינְט זִיךְ עֶפִּיס רֶעכְטְס אִיז מְחֻיָּב צוּ מִיר מְקוּרֶב צוּ וֶוערְן!]**".

דער רבי זאגט אין תורה נ"ד[נ]: "סליקו דמחשבה דעלמא דאתי" - אז די מחשבה גייט ארויף אין עלמא דאתי, איז דאס א יחוד פון די צוויי שמות "ה' אלקי" - "דא שרותא דמהימנותא" - דאס איז דער אנהויב אמונה. ["ה' אלקי" – דאס איז די צוויי עולמות: "ה'" איז רחמים, און "אלקי" דאס איז מלכות - דאס איז דער עולם; איז מען מקשר מיט דעם די צוויי עולמות, די צוויי שמות].

קומט אויס, ווען ווערט דער קשר פון די צוויי שמות? אז די מחשבה גייט ארויף און טראכט אין עלמא דאתי, אט דאס איז דער שלימות, אט דאס איז דער אנהויב אמונה!

דער אנהויב אמונה איז, אז די מחשבה טראכט אין עלמא דאתי; א מענטש גייט דאך ארום מיט געדאנקען אין קאפ אז נאר דאס איז דא (- די נארישקייטן פון דער וועלט!). אבער אז עס גייט אריבער א געדאנק פון עלמא דאתי - אט דאס איז דער אנהויב אמונה, אויף דעם געדאנק בויעט זיך שוין אלעס.

❖

## דאס אייביגע פונק

[חוזר לענין המובא לעיל תחת הכותרת: "עפּעס בלייבט" - עמוד ח']

(ר' נחמן: די גמרא זאגט אין בבא קמא[נא], ער האט אים געפרעגט, פארוואס שטייט נישט "טוב" אין די 'דברות הראשונות'? האט ער אים געזאגט: "הואיל וסופן להשתבר", איז ווען ס'זאל ווען שטיין טוב, "חס ושלום פסקה טובה מישראל!". קומט אויס, די נקודה האט געדארפט בלייבן עס זאל נישט צעבראכן ווערן![נב]) מען דארף טאקע אויך האבן אמונה אז די נקודה איז דא.

---

[נ] אות א', וזל"ש: כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְאָתֵי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד. וְעַל יְדֵי מַה שֶּׁמְּדַבֵּק מַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעָלְמָא דְאָתֵי, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד ה' אֱלֹקַי הַנַּ"ל. (כִּי ה' אֱלֹקִים הוּא בְּחִינַת שֵׁם מָלֵא, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָלְמָא דְאָתֵי כַּמּוּבָא. וְכֵן מְבֹאָר בְּסָבָא מִשְׁפָּטִים דַּף צ"ח עַל פָּסוּק זֶה. ה' אֱלֹקַי, דָּא שֵׁרוּתָא דִּמְהֵמְנוּתָא, סְלִיקוּ דְּמַחֲשָׁבָה דְּעָלְמָא דְאָתֵי).

[נא] דף נ"ה ע"א - ע"ב.

[נב] עיין גם מהרש"א שם.

דער דובנער מגיד איז געווען אמאל דארטן אין אַן ארט, ער האט גערעדט און גערעדט און גערעדט - און זיי האבן גארנישט גענומען (- מקבל געווען). האבן זיי געזאגט: "רבי, איר רעדט דאך שוין דא עטליכע טעג, איר רעדט און רעדט און קיינער" - -

האט ער זיי געגעבן א משל (וכו'[נג]. והפטיר הנמשל:) "אז עס איז דא א נקודה, א פונק, קען איך דאס צעבלאזן; אין אייך איז קיין פונק נישטא, קען איך אייך נישט צעבלאזן!".

האט מען דאס דערציילט רבי נתן'ען. האט רבי נתן געזאגט: **"דאס איז נישט אמת, אין יעדן אידן איז דא א פונק, נאר מען דארף קענען בלאזן!".**

**א פונק איז דא אין יעדן איינעם, נאר מען דארף קענען בלאזן, מען דארף האבן א גוטן בלאָזער!**

(ר' נחמן: דער רבי זאגט[נד], עס איז דא אַן עפרוריות!) **מען דארף אראפוואָרפן פון זיך דאס עפרוריות; דער צדיק ער איז דער רוח, ער ווארפט אראפ דאס עפרוריות, ממילא, דורך דעם רוח הצדיק דעקט זיך אויף די נקודה.**

❖

---

[נג] מובא בטעם זקנים קונטרס קמ"א, עיין שם.

[נד] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ט', וזל"ש בא"ד: מַנְהִיגֵי הַדּוֹר הֵם בְּחִינַת רוּחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בַּמִּדְבָּר כ"ז): "אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ" 'שֶׁיּוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ נֶגֶד רוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד'. וְיִשְׂרָאֵל הֵם בְּחִינַת לִבָּא, כִּי יִשְׂרָאֵל הֵם לִבָּא דְּכָל עַלְמָא (זֹהַר פִּינְחָס רכא:). **וּצְרִיכִין מַנְהִיגֵי הַדּוֹר לְנַשֵּׁב בִּבְחִינַת רוּחָם עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם לִבָּא דְּעָלְמָא, לְנַפֵּחַ מֵהֶם הָעַפְרוּרִיּוּת, דְּהַיְנוּ מָרָה שְׁחוֹרָה שֶׁנּוֹפֵל עֲלֵיהֶם, שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ יָכוֹל הָאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, שֶׁהוּא בְּחִינַת לֵב, לִדְלֹק וְלִבְעֹר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.** גַּם יֵשׁ רְשָׁעִים שֶׁהֵם בְּחִינַת עֵרֶב רַב, וּכְשֶׁהֵם נוֹפְלִים עַל הַלֵּב, דְּהַיְנוּ עַל יִשְׂרָאֵל, זֶה גַּם כֵּן בְּחִינַת עַפְרוּרִיּוּת, שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵין יָכוֹל לִבְעֹר כַּנַּ"ל. **וְעַל כֵּן צְרִיכִין מַנְהִיגֵי הַדּוֹר לְנַפֵּחַ הָעַפְרוּרִיּוּת מִן הַלֵּב, דְּהַיְנוּ מִכָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, וְחוֹזְרִין וְנִתְחַבְּרִין חֶלְקֵי הָאֵשׁ שֶׁבְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל.**

# אז דאס פינטעלע גיט זיך א דערוועק

מען זעהט דאך ארויס, אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט עפעס א מין שעת הכושר דארטן; די היינטיגע וואך האט מען דאס אויך געזעהן דארטן ביי דער 'הכנסת ספר תורה' - עס ליגט אין אידן עפעס א נקודה, א נקודה פון א מין אהבה צום אויבערשטן, א נקודה פון שמחה צום אויבערשטן, וואס אז עס גיט זיך אזא דערוועק - **אה!** - ווייזט זיך ארויס די נקודה, אַן אמת'ע שמחה צום אויבערשטן, א שמחה אָן א 'אהבה שתלויה בדבר' - נאר צום אויבערשטן!

פון וואנעט נעמט זיך דאס?

אין אידן איז דא א נקודה נאך פון קבלת התורה, אידן האבן געזאגט 'נעשה קודם לנשמע'!

("בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע יצתה בת קול ואמרה להן:) **מי גילה לבני רז זה שמלאכי השרת משתמשין בו?** (כמו שכתוב:) **'עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ'!"**[נה] - אט די נקודה איז געווען - און עס איז איצטער אויך דא, נאר עס איז פארדעקט, עס איז דאך אזא מין לאנגער גלות, אבער אז עס קומט עפעס א שעת הכושר, גיט זיך א ווייז ארויס די נקודה[נו].

מען זעהט ארויס אז אידן זענען געשטאנען ביים בארג סיני און געזאגט 'נעשה ונשמע', אידן האבן מקבל געווען די תורה בשמחה.

---

[נה] עיין גמ' שבת דף פח.

[נו] עיין ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ה"ג, אות כ"ג: וַאֲפִלּוּ הֲמוֹן עַם יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים הַפְּשׁוּטִים שֶׁאֵין זוֹכִים לְהַרְגִּישׁ זֹאת הֵיטֵב, **אַף עַל פִּי כֵן כָּל שִׂמְחָתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּבַחֲתֻנָּה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, הַכֹּל נִמְשָׁךְ מִשִּׂמְחָה זֹאת שֶׁהוּא בְּחִינַת דְּבֵקוּת בּוֹ יִתְבָּרַךְ**, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁאֵינָם זוֹכִים עֲדַיִן לִבְחִינַת דְּבֵקוּת בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי, אַף עַל פִּי כֵן, אַף עַל פִּי דְּאִיהוּ לָא חָזֵי מַזָּלֵיהּ חָזֵי, וּמֵחֲמַת שֶׁבְּשֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתָם הֵם מַרְגִּישִׁים לִפְעָמִים עֲרֵבוּת נְעִימוּת הַשִּׂמְחָה הַזֹּאת, **עַל יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ עֲלֵיהֶם גַּם לְמַטָּה שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּעֵת שֶׁזּוֹכִים לִשְׂמֹחַ בַּה' בְּאֵיזֶה שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה.** וְעַל כֵּן כָּל יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים רְגִילִים בְּעֵת שִׂמְחָתָם לְזַמֵּר פְּסוּקִים וּתְפִלּוֹת שֶׁל הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, שֶׁזֶּה עִקַּר שִׂמְחָתָם, **וּבִפְרָט בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה** וּפוּרִים וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, שֶׁזֶּה עִקַּר שִׂמְחָתֵנוּ אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עַם וְכוּ'. וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים בְּכָל יוֹם, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וְכוּ', וּמַה נָּעִים וְכוּ', וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה וְכַנַּ"ל. **כִּי בֶּאֱמֶת זֶה עִקַּר הַשִּׂמְחָה מַה שֶּׁאָנוּ יוֹדְעִים מֵהַבּוֹרֵא הַכֹּל יִתְבָּרַךְ לָנֶצַח עַל יְדֵי אֱמוּנָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה** וְכַנַּ"ל ... **עַל יְדֵי הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ עַל יְדֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** וְכַנַּ"ל.

# לזכרון בהיכל ה'

**מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה**
**נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג**

**מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה**
**נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב**

**מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו**
**נלב"ע י"ב שבט תשע"ט**

**מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה**
**נלב"ע י"ג אייר תשפ"א**

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

המחותנים

מו"ה אהרן
אייזדארפער הי"ו
קרית יואל
לרגל אירוסי בנו החה"ח שלמה נ"י

מו"ה נפתלי יוסף
מענדלאוויטש הי"ו
קרית יואל
לרגל אירוסי בתו

למזל טוב

ברכת מזל טוב מיוחדת לידידינו
ועומד לימינינו בכל עת
מו"ה יעקב
עסטרייכער הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת בתו למזל טוב
המברכים: ר' יוסף מענדל האס
וחברי המערכת

מו"ה נחמן
פריעדמאן הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה שלמה
ראזענטהאל הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה חיים טוויל הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה יואל כ"ץ הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה צבי יוסף
פריעדמאן הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו עב"ג מו"ה
נתן יושע שווארטץ הי"ו - ק"י
למזל טוב

מו"ה מרדכי דוב שפיטץ הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת בתו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
אלטר נפתלי בן-ציון בן מינדל
לרפו"ש